בס"ד

יתרו תשפ"ד
גליון 176

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### קליינע טרעפעלעך

מיר שטייען די וואך ביי מתן תורה. מיר זען אין די פרשה אַז דער אויבערשטער האָט געשיקט משה רבינו צו וואָרענען כלל ישראל אַז זיי זאָלן נישט אַרויפגיין אויפן באַרג סיני און אפילו נישט אָנרירן דעם באַרג.

דער הייליגער רבי איז מסביר אויף עטליכע פלעצער אַז דאָס איז די בחינה פון "הריסה - זיך איבעררייסן", דאָס מיינט אַז ווען אַ מענטש וויל נתקרב ווערן און אַריינגיין אין עבודת השם איז דעמאָלטס דאָ אַ גרויסער יצר הרע אַז דער מענטש ברענט און וויל דינען דעם אויבערשטן מער ווי זיינע כוחות קענען באמת, ווייל דער יצר הרע וויל אַז דער מענטש זאָל אָפּלאָזן דעם אויבערשטן און זיך אָפּטון פון אידישקייט, רעדט ער אים צו צו דינען דעם באַשעפער מיט גאָר שווערע זאַכן וואָס דער מענטש קען נישט אויספירן.

דאָס האָט דער אויבערשטער געזאָגט פאַר משה רבינו ער זאָל וואָרענען די אידן: "ענק ווילן באַקומען די תורה? גייטס נישט אַרויף צו הויך אויפן באַרג צו וועלן זען זאַכן און מדרגות וואָס ענק זענען נאָך נישט אָנגעקומען דאָרט." (ליקוטי מוהר"ן קמא ע"ב)

צום ביישפיל, אַ אינגל וויל זאָגן תהלים שובבים אָדער שבת און יום טוב, ער זעט אין ספרים הקדושים וועגן די גרויסע מעלה פון אויסזאָגן גאַנץ תהלים אויפאַמאָל, ער פרובירט דאָס טון און צום סוף ווען ער זעט אַז עס איז אים נישט געלונגען, ווערט אַזוי אויפגעברויזט אַז קען ער שוין אפילו נישט זאָגן איין קאַפּיטל תהלים אויך נישט. אַזוי ווי די ספרים זאָגן אויף דעם אַ משל: אַז צופיל אויל לעשט אויס דאָס לעכטל, אַזוי אויך פון צופיל ברענען און וועלן טון אַ געוויסער ענין בשלמות, טוט מען דערנאָך גאָרנישט. די עצה דערצו איז צו אָנהייבן מיט קליינע טרעפעלעך, בהדרגה, יעדער איד לויט זיין מדרגה און זיינע כוחות.

ר' נתן ברענגט אין הלכות קריאת התורה אַז באמת קענען מיר נישט היינט צו טאָג מקיים זיין די מצוות מיט אַלע פרטים און דקדוקים, בפרט ווען אַ מענטש וויל האָבן אַ ריינע ציכטיגע מח וואָס דאָס איז דער עיקר פונעם מענטש. מיט דעם אַלעם דאַרפן מיר מקיים די מצוות וויאַזוי מיר קענען יאָ און

המשך אויף קומענדיגע זייט

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

נָאר אַזוֹי הַאלְטְן מִיר זִיךְ אִין דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, צוּ בַּארוּהִיגְן אוּן אוֹיפְלֶעבְן אוּנְזֶער נְשָׁמָה. (הלכה ו' אות ו')

דִי וָואךְ שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען שׁוֹין רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֲדָר א', מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין גְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס שְׁטֵייט פוּן ר' נָתָן אַז "פּוּרִים" אִיז פוּן לָשׁוֹן "פֵּרוּרִים" וַוייל עֲמָלֵק צֶעטְרֶעט אוּן פַארְשֶׁעמְט אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע מִצְווֹת וָואס מִיר טוּעֶן, עֶר רֶעדְט אוּנְז אַיין אַז אַלֶע אוּנְזֶערֶע שֵׁיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶוערְד, עֶר דְרֵייט זִיךְ בַּיי אוּנְז אִין מֹחַ בִּיז עֶר וֶוערְט דֶער גַאנְצֶער בַּאלֶעבָּאס דָארְט, דֶערְפַאר זָאגְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אָן אַז מֶען זָאל אִים אוֹיסְמֶעקְן אוּן פַּיינְט הָאבְּן אוּן מִיר דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוּנְז הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען פוּן זַיינֶע טָמֵא'נֶע נֶעגְל.

אֵיינֶע פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן קְלִפַּת הָמָן אוּן אִים אָפְּוִוישְׁן פוּן דֶער וֶועלְט אִיז דִי עֵצָה פוּן "פִּירוּרִים - בְּרֶעקֶעלֶעךְ" אַז מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע קְלֵיינְטְשִׁיגֶע אוּן הֵיילִיגֶע מִצְוֶוה'לֶע וָואס מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ טוּן אִין דֶעם פִינְסְטֶערְן בִּיטֶערְן גָלוּת.

מִיר וֶועלְן גֶעבְּן אַ בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען אַ אִינְגְל הָאט אַ נִסָּיוֹן צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ, עֶר פְּרוּבִּירְט אַלֶעס וָואס עֶר קֶען אָבֶּער עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אוּן עֶר הַאלְט אוּן אֵיין דוּרְכְפַאלְן אוּן שְׁטֵייט אוֹיף אַלֶעמָאל דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, קֶען עֶר אוֹיךְ נוּצְן דִי עֵצָה פוּן "בְּרֶעקֶעלֶעךְ - אַבִּיסֶעלֶע", זִיךְ שְׁטַארְקְן פוּן יֶעצְט אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין זֶעכְצִיג סְקוּנְדֶעס פַאר דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אוּן וֶוען עֶר וֶועט שׁוֹין זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם וֶועט עֶר צוּלֵייגְן נָאךְ אַפָּאר סְקוּנְדֶעס צוּבִּיסְלִיךְ, בִּיז עֶר וֶועט שׁוֹין בְּעֵזֶר הַשֵּׁם קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מַפָּלָה פַאר עֲמָלֵק אוּן אַ גוּטֶע הֲכָנָה פַאר פּוּרִים.

עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס הָאבְּן שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה מִיטְ'ן זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי עֵצָה פוּן "אַבִּיסֶעלֶע" יֶעדְן טָאג אַ מִשְׁנָה'לֶע אָדֶער צְוֵויי, אוּן גֵיין פָארְאוֹיס מִיט דֶעם, דַוְקָא מִיט וֵוייניג אָבֶּער מִיט עַקְשָׁנוּת.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בְּקָרוֹב זָאל וֶוערְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט דֶער זֵכֶר עֲמָלֵק אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט קֶענִיגְן אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'" (צפניה ג, ט) בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**הגליון נתנדב ע"י**
**הר"ר יששכר דוב קויפמאן הי"ו**
**לרגל נישואי בנו החתן**
**היקר כמר יואל שמעון נ"י למזל טוב**




# א בריוו צו סטאלין

שׁוין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס עֶר בֶּענְקְט אַרוֹיפְצוּגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, גִיסְט עֶר אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז עֶר זָאל זִיךְ שׁוין דֶערְבַּארֶעמֶען אוֹיף אִים אוּן אִים שׁוין עֶרְמֶעגְלִיכְן אוֹיסְצוּפִירְן זַיין חָלוֹם.

דָאס הַארְץ פוּנֶעם חָסִיד רֶבִּי מֹשֶׁה גְלִידְמַאן – אָדֶער ווִי מֶען פְלֶעגְט אִים רוּפְן ר' מֹשֶׁה טְשֶׁענְסְטְכָאוֶוער – אֵיינֶער פוּן דִי גָאר נָאנְטֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בַּ"ר נַחְמָן פוּן טוּלְטְשִׁין – הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעגְלוּסְט צוּ קֶענֶען בַּאטְרֶעטְן דִי הֵיילִיגֶע עֶרְד פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן הָאט אַלֶעמָאל גֶעהָאפְט, אַז עֶס וֶועט נָאךְ קוּמֶען אַ טָאג וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען אוֹיסְפִירְן זַיין ווִילְן.

פִילֶע מָאל הָאט עֶר שׁוין פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּשִׁיקְן בְּרִיוו צוּ דִי שְׁטָאט-רַאט פוּנֶעם 'מַאמֶע רוּסְלַאנְד' מִיט דִי בַּקָשָׁה אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ אַרוֹיסְצוּפָארְן פוּנֶעם 'גָאלְדֶענֶעם רוּסְלַאנְד', אָבֶּער שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעווִיזְן גֶעוָוארְן מִיט אַ קַאלְטְן רוּסִישֶׁען "נִיעֶט", דָאס לַאנְד אִיז צוּ זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק אַז מֶען זָאל אַרוֹיסְלָאזְן אִירְ'ס אַ בִּירְגֶער...

אִין יֶענֶע יָארְן הָאט דֶער רָשָׁע סְטַאלִין יִמַּח שְׁמוֹ גֶעהֶערְשְׁט אִיבֶּערְן לַאנְד מִיט אַ אַייזֶערְנֶעם פוֹיסְט, זַייעֶנְדִיג בַּאקַאנְט אַלְס אַ בְּלוּט-דָארְשְׁטִיגֶער מֶערְדֶער, וֶועלְכֶע טְרַאכְט נִישְׁט קַיין צְוֵויי בֶּעפָאר עֶר ווִיל אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ טוֹיט-אוּרְטֵייל אֲפִילוּ אוֹיף זַיינֶע נָאנְטֶע גֶעהִילְפְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוּנְטֶער דֶעם רָשָׁע'ס הֶערְשַׁאפְט הָאט קֵיינֶער נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַזוֹי שְׁנֶעל פַּאפִּירְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן לַאנְד, אִיבֶּערְהוֹיפְּט, וֶוען דֶער בְּרִיוו-שִׁיקֶער הָאט גָאר גֶעוָואלְט גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַ לַאנְד וֶועלְכֶע הָאט נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁמֶעקְט אוּן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְגְלִיכְנְט מִיט דִי הוֹיפְּטְן פוּנֶעם רוּסִישְׁן פָאלְק.

*

ר' מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען אַן אֶמֶת'עֶר דוּרְכְגֶעוַוייקְטֶער חָסִיד, לֶעבְּנְדִיג פִיר-אוּן-צְוָאנְצִיג שָׁעָה אַ מֵעֵת-לְעֵת מִיטְן רֶבִּי'נְס תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת, אוּן טַאקֶע אֵיינְס פוּן זַיינֶע אוּנְטֶערְנֶעמוּנְגֶען אִיז גֶעוֶוען דָאס אוֹיפְוֶועקְן דִי חֲסִידִים צוּ חֲצוֹת, צוּ מְקַיֵּים זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז "דָאס אִיז דֶער עִיקַר עֲבוֹדָה פוּן אַ אִידִ!" (שיחות הר"ן, שא). שׁוין אִין דִי פְרִיעֶ אָוֶוענְט שְׁטוּנְדְן, נָאכְן עֶנְדִיגְן מַעֲרִיב, הָאט עֶר שׁוין אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין שְׁלִיחוּת, צוּאֵיילְנְדִיג דִי וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שְׁמוּעֶסְן אִינֶעם קְלוֹיז, זָאגְנְדִיג פַאר זֵיי, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען, "מֶען דַארְף זִיךְ גֵיין צוּגְרֵייטְן צוּם גְרוֹיסְן גַאסְט, דֶער צַדִּיק, וָואס קוּמְט שׁוין אָט אָן."

המשך קומענדיגע וואך בעז"ה

# א נייע ניגון

טײַערע קינדער לָאמִיר ענק פאַרצייִלן אַ שיינע מָשל פונעם הייליגן בַעל שֵם טוב.

ס'איז געווען אַמָאל אַ שְפִּילֶער וָואס הָאט זייער שיין געשְפִּילט אויף אַ פִידל, ווען ער פְּלֶעגט שְפִּילְן הָאט מֶען זיך געקֶענְט הייבְן און דער לוּפְט.

דער פִידלֶער פְּלֶעגט יֶעדְן טָאג קוּמֶען צום קֶעניג און זיך געלָאזְט שְפִּילְן אַ וואוּילְן שיינֶעם ניגון, דֶער קֶעניג הָאט גֶעהַאט אַ געוואַלְדיגֶע חִיות און הֲנָאָה פון דֶעם ניגון, הָאט ער אים גֶעהייסְן יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל שְפִּילְן דֶעם ניגון, אָבֶער דֶער פִידלֶער נָאךְ אַזוֹיפִיל טֶעג שְפִּילְן דֶעם זֶעלבְן ניגון, איז אים דֶער ניגון אַלְט געוואָרְן, עֶר שְפִּילְט דאָס איבֶער יֶעדְן טָאג, איז עס געוואָרן בַיי אים אַלְט, עֶר הָאט שוין נישְט געשְפִּילְט דֶעם ניגון אַזוֹי ווִי מֶען דאַרְף עס אַזוֹי שֵיין אויפְשְפִּילְן, צוּבִיסְלֶעך הָאט דֶער ניגון פאַרְלוירְן דֶעם חֵן וָואס ס'דאַרְף הָאבְן!

דֶער קֶעניג טְרַאכְט צו זיךְ, 'איךְ הָאב דאָךְ אַזוֹי שְטַארְק ליבּ דֶער ניגון, בַיי מיר איז עס אַ שְפָּאגֶל נַיי, יֶעדֶעם מָאל וֶוען איךְ הֶער אויס דֶעם ניגון איז עס מַמָש ווִי איךְ הֶער עס דָאס עֶרְשְטֶע מָאל. אָבֶער בַיי דֶעם שְפִּילֶער איז עס שוין אַלְט.'

וָואס קֶען דֶער קֶעניג טוּן, בַיי אים איז דֶער ניגון נַיי, און בַיי דֶעם שְפִּילֶער וֶוערְט עס אַלְט? אַ גוּטֶער אייַנְפַאל איז אויפְגֶעקוּמֶען פַארְן קֶעניג, עֶר הָאט גֶעמַאכְט יֶעדְן טָאג בַאלְן, און גֶערוּפְן יֶעדְן טָאג אַ נֵייעֶם שַׂר, וָואס הָאט דֶעם ניגון נָאךְ נִישְט גֶעהֶערְט, פַאר דֶעם שַׂר וֶועט דֶער פִידְלֶער נָאכְאַמָאל שְפִּילְן דֶעם נִיגוּן שֵיין!

אַזוֹי איז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע וָואכְן וָואס עֶר הָאט אַרִיבֶער גֶערוּפְן אַלֶע שָׂרִים, בִּיז אַלֶע שָׂרִים הָאבְן שוין גֶעהֶערְט דֶעם נִיגוּן און ... דֶער נִיגוּן איז וַוייטֶער גֶעוָוארְן אַן אַלְטֶער נִיגוּן בַּיי דֶעם פִידְלֶער, וָואס קֶען דֶער קֶענִיג טוּן? הַא קִינְדֶער?

עֶפֶּעס אִינְטֶערֶעסַאנְט איז אַייַנְגֶעפַאלְן אִין גֶעדַאנְק בַּיים קֶענִיג! וָואס?

עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם פִידְלֶער און אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען זַייְנֶע אוֹיגְן, און הָאט אִים גֶעזָאגְט; "הֵייבּ אָן שְפִּילְן שֵיין מִיט דַיין פִידל ווַייל הַיינְט איז דָא נָאכְאַמָאל אַ נַייעֶר שַׂר!

נָא, עֶר הָאט דָאךְ נִישְט קַיין אוֹיגְן, מֵיינְט עֶר אַז עֶר שְפִּילְט פַאר אַ נֵייעֶם שַׂר".

אַבִּיסְל אַ שְרֶעקֶעדִיגֶע מָשָל, נַיין? וָואס קֶען שוין זַיין דֶער נִמְשָל פַאר אוּנְז, הַא? אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי אוֹיגְן? אָבֶער לָאמִיר זֶען ווִיאַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער בַעל שֵם לֶערְנְט דָאס פַאר אוּנְז...

הָאט דֶער בַעל שֵם טוב אוֹיסְגֶעפִירְט; "דִי תּוֹרָה איז בַּיים אוֹיבֶּערְשְטְן נַיי, נָאר בַּיי אוּנְז איז דָאס אַלְט, דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי אוֹיגְן פוּן דֶער וֶועלְט, וֶועט עֶר שְפִּילְן דֶעם שֵיינֶעם נִיגוּן!"

קִינְדֶער אַז מֶען וֶועט נִישְט צוּפִיל זִיךְ אַייַנְקוּקְן אוֹיף דִי נַארִישְקַייטְן פוּן דֶער וֶועלְט וֶועלְן מִיר מְקַבֵּל זַיין דִי וָואךְ אַ נַייעֶ, זִיסֶע, גֶעשְמַאקֶע תּוֹרָה!!




דער דאטום פון מיין זונ'ס חתונה האט זיך דערנענטערט. אין הויז טוט זיך א געפולדער. די עפטיגע הכנות איז אויפ'ן העכסטן גראד. און איך דריי זיך ארום קאדאטשקעס אין דעם רינג. דא וויל דער מחותן אפרעדן ווער ס'וועט זיין דער מסדר קידושין. מיין בעל הבית'טע וויל וויסן אויב זי קען שוין אפנעמען די קידושין רינג, ווייל זי דארף פונקט זיין אין געגנט פון צירונג געשעפט. די טעכטער מיט זייערע דאגות און די בחורים ווילן שוין אפנעמען זייערע באשטעלטע נייע קאפטענעס.

"נעם ארויס א הלואה פון גמ"ח," האט מיין פרוי מיר געבעטן. זי האט אויך געוואוסט נאכצוזאגן פון פרוי גרינבלאט אז די גמ"ח'ן געבן היינט זייער גרינג הלוואות פארן חתונה מאכן. מען דארף זיך נאר איינשרייבן, טרעפן צוויי ערבים און פארטיג, דו באקומסט פופצן טויזנט שקל אין איין מינוט."

"און וואס וועט זיין א מינוט דערנאך?" האב איך איר געפרעגט. "ווער וועט יעדן חודש ארומלויפן פארסאפעט צו דעקן די הלואה?"

"אה," זי האט שוין געכאפט אז ס'איז נישט קיין קינדער שפיל. הלוואות איז אן ערנסטער פעקל אויף דער פלייצע.

און דער חתן? וואו קומט ער אריין אין בילד? איי, איז ער א צדיק. ער מוטשעט נישט און בעט נישט. ער איז אנגעצויגן, ער וויל שוין ענדיגן ערלעדיגן זיין שטאפיר, אבער ער האלט זיך איין, ער וויל נישט לייגן דריק אויף די עלטערן.

ער האט געוואלט גיין נאך געלט אבער מיר האבן מחליט געווען אז זיך דרייען אין פרעמדע געגנטער און איינשטעלן דאס שמירות עינים איז נישט ווערד קיין געלט.

"דיין השתדלות איז תפילה און לימוד התורה," האב איך אים געזאגט. שטארק דיך און דער אויבערשטער וועט העלפן."

דא-דארט איז ער געגאנגען אביסל נאך געלט, נאר מיט די תנאים וואס מיר האבן אים געשטעלט און צאמגעזאמלט עטליכע שקלים און אגירות. ער האט שוין געקענט קויפן א פאר שבת'דיגע שיך און צוויי וואכעדיגע. געלויבט איז דער פון אויבן!

אבער זיין עיקר השתדלות איז געווען לימוד התורה און תפילה. יעדן טאג איז ער ארויס אין פעלד און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ פארן אויבערשטער, "רבונו של עולם, נאר פון דיר אליין און נישט פון קיין בשר ודם זאל קומען מיין ישועה..." האט ער זיך געבעטן. אויך מיר אלע אין שטוב האבן זיך געשטארקט אין אמונה און נישט אויפגעהערט צו מתפלל זיין. מיר זענען ארומגעלאפן צו קברי צדיקים, וואו אימער עס האט זיך נאר געמאכט א נסיעה זענען מיר געפארן. איין טאג קיין מירון, צוויי טעג שפעטער צו קבר רחל, א וואך דערנאך ביי קבר שמעון הצדיק, דאן צוריק קיין מירון.

"עס מאכט זיך א נסיעה צו נאך א קבר," האב איך געהערט. "חצות הלילה, ערב ראש חודש."

ערלעדיגט.״ איך האב מיך מיטגעכאפט.
אינצווישן בין איך שוין געווען ביי ביים קבר פון שמואל הנביא און דן בן יעקב האב איך נישט אויסגעלאזט. און אוודאי בין איך געווען ביים רבי׳ן אין אומאן (נאכאמאל נאך ראש השנה). איבעראל, איבערהויפט ביים רבי׳ן, וואס דער רבי איז געווען אזוי קעגן בארגן געלט, האב איך געבעטן אז דער אויבערשטער זאל מיר אויפרעכטן מיט די חתונה הוצאות און צו דארפן אנקומען צו הלוואות אדער א בשר ודם.
נישט אז איך בין אזא בעל גאוה וואס עס פאסט מיר נישט צו נעמען א נדבה, נאר איך האב נישט געוואלט שפירן ווי איך קלעפ אן מיין האפענונג אין א בשר ודם. דאס נאכלויפן עסקנים און עשירים איז מיר שוין נמאס געווארן פון מיין פריערדיגע ערפארונג.
אן עסקן האט מיר פארשפראכן אז ער וועט מיר העלפן צאמשטעלן געלט. דערנאך האט ער מיר געמאלדן אז עס האט זיך אים געמאכט א קעיס פון ביקור חולים און ער האלט אז ס׳איז וויכטיגער ווי מיר.
איך בין נאכגעלאפן אן עושר א לאנגע צייט אהין און אהער ביז איך האב אים ענדליך געכאפט. ער האט מיר פארשפראכן אז ער וועט מיר שיקן א טשעק פון טויזנט דאלאר. און איך ווארט נאך ביז יעצט (אפשר ביי מיין קומענדיגן חתונה וועט ער זיך דערמאנען...).
איינער האט מיר געזאגט פון א חסד פראיעקט וואס לייגט אריין געלט אין באנק קאנטע. מען דארף נאר שיקן א המלצה און א חתונה בריוול און פארטיג, דאס געלט פליסט אריין אין באנק. איך האב אלעס געטון ריכטיג אבער דער געלט איז נישט אריינגעגאסן געווארן.
אינצווישן האב איך אינוועסטירט כח אין געלט ארויסצושיקן בריוון צו אחינו בני ישראל פון איבער די וועלט. ביז איך האב פארשאפט די ליסטע און די אלע קאנווערטן זענען ענדליך ארויסגעשיקט געווארן האט געדויערט כח און צייט.
עס זענען אריבער טעג און וואכן און אין קול ואין עונה, איך הער גארנישט צוריק פון די בריוון. נאך א גרינטליכע אויספארשונג האב איך געכאפט מיין טעות אז איך האב אריינגעשריבן אין בריוו מיין באנק נומער פעלערדיג מיט איין נומער. דאס מיינט אז אויב איינער האט שוין יא געוומען די מי אריינצושיקן א נדבה איז עס אנגעקומען צו גאנץ א צווייטער נצרך, אדער אפשר איז יענער בכלל נישט קיין נצרך נאר א גרויסער עושר...
״עד כן!״ האב איך געזאגט צו מיין פרוי. געענדיגט מיט די אלע מעשיות. יעצט וועט מען זיך נעמען צום פעלד. דארט, צווישן דיביימער און גראז קען מען אויסגראבן אוצרות פון געלט...
דא האט זיך אנגעהויבן מיינע לויפענישן. נאך מיין סדר בין איך ארויס אין וואלד אדער צו קברי צדיקים און געהאקט שטיקער... איך האב זיך געבעטן ווי א קינד צו זיין טאטען ער זאל מיר העלפן. אויך אין שטוב איז דער לופט געווען דורכגעווייקט מיט תפילה. מיין פרוי האט געמאכט תפילות אין אידיש מיט די קינדער און צוזאמען האבן זיי געבעטן דעם אויבערשטן פאר דער שטאפיר.
ס׳איז שוין געווען א חודש פאר דער חתונה און די מצב אין שטוב איז שוין געווארן אביסל אנגעצויגן. מען האט שוין געוואלט אנהייבן (ניין ענדיגן) ערלעדיגן די וויכטיגע זאכן. קאכן

פאר דער שבת אויפפרופן און שבע ברכות. אפילו אויף אן איבעריגע פעקל פלייש האבן מיר נישט געהאט קיין געלט.
איך האב מסביר געווען פארן חתן אז שטאפיר און הכנות צו די שמחה איז זייער א וויכטיגע זאך אבער ס'איז דא וויכטיגערס דערפון. צומאל ווערט מען אזוי פארשלעפט פון די אלע זייטיגע זאכן אז מען פארגעסט פון דער עיקר אין לעבן. דאס לעבן פון דאס פארפאלק איז נצחיות. ווען זיי זיך גוט איינלעבן? ווען זיי האבן קינדער? ווען זיי זוכה זיין אויפצושטעלן ערליכע דורות? ווען זיי האבן אריכות ימים ושנים? אין דעם דארפן מיר אינוועסטירן דער עיקר כח פון תפילה.
תפילה. תפילה און נאכאמאל תפילה איז געווען אונזער געצייג ערב חתונה. מיר האבן געדאווענט אז מיר זאלן קענען צוגיין צו דער חתונה מיט א ישוב הדעת און ריינע שמחה, אן קיין דאגות פון געלט אדער אנדערע אומאנגענעמליכקייטן. און איבער אלעם האבן מיר מתפלל געווען פאר דער צוקונפט פון דאס נייעם פארפאלק, אז דער אויבערשטער זאל זיי באגליקן אין זייער נייעם וועג.
איך האב ווייטער פרובירט מיין השתדלות אהער און אהין אבער קיין ערנסטע געלטער זענען נישט אריינגעקומען.
"מען דארף האבן צען טויזנט שקל," האט מיין מחותן מיר געמאלדן צוויי וואכן פאר דער חתונה. דער מעבל געשעפט וויל לופערן די מעבל, דער געשעפט פון הויז-געצייג וויל שוין לופערן די פרידזשידער און באק-אויבן, מען דארף שוין גיין אפנעמען די באשטעלטע שטוב צוגעהער אז די כלה זאל שוין קענען מסדר זיין די דירה'לע.
"יא, זיכער," האב איך אים פארשפראכן מיט א קלארקייט. מיט א מחותן קריגט מען זיך נישט און איך בין געווען זיכער אז דער אויבערשטער וועט מיר העלפן.
"חזקי, איך האב א טשעק פון צוויי טויזנט דאלאר פאר דיר," קלינגט מיר מיין טאטע. "מומע מירל פון טאראנטע האט דיר געשיקט געלט.
"פון וואו האט זי געוואוסט אז איך מאך חתונה?" האב איך זיך געוואונדערט. "שוין, וואסא חילוק," האב איך זיך גלייך געכאפט. זי איז נאר דער שליח פון באשעפער.
"איר משה האט איר געקלונגען אין טאג וואס זי האט חתונה געמאכט אן אייניקל און געשנארט פאר דיר," האט מיר מיין טאטע קלאר געמאכט.
געלויבט איז דער פון אויבן, 7-8 טויזנט שקל פארן מחותן האב איך שוין. וואס ווייטער?
"חזקי, איך האב פאר דיר פינף טויזנט שקל," הער איך מיין ברודער'ס קול איבערן טעלעפאן.
געוואלדיג!
"חזקי, דיין שטריימל איז שוין אפגענומען? ווייל איינער וויל דיר אויסצאלן דאס גאנצע געלט," הער איך מיין טייערער שווער'ס שטימע.
"חזקי, אן עסקן האט אריינגעלייגט אין דיין באנק קאנטע פיר טויזנט שקל, האסט געזען?" קלינגט מיר מיין שוואגער.
איר וועט נישט גלייבן, אבער דאס געלט האט אנגעהויבן אריינצופליסן ווי א טייך. מיר האבן געהאט א געוואלדיגע שפע און געקענט ענדיגן מיט די הכנות בריווחות.

ס'איז שוין געווען א נאכט פאר דער חתונה. ברוך השם אז מען האלט שוין דא. אלעס איז ערלעדיגט געווארן אויפ'ן שענסטן אופן. מען גרייט זיך צו פירן אונזער טייערער זון אונטער דער חופה אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל פארן אויבערשטנ'ס וועגן. מען וועט צושטעלן א שיינע סעודה און מוזיק לכבוד דער גרויסער שמחה אבער כסף מנלן?

"ווי אזוי וועסטו דעקן די חתונה נאכט?" פרעגט מיין פרוי באזארגט.

"נאכאלץ זעסטו נישט איין?" דער יצר הרע האט אפילו נאך אזא וואך פון שפע אונז געוואלט אריינווארפן אין ייאוש אז ביז אהער האט דער אויבערשטער געהאלפן אבער פון יעצט און ווייטער איז ער ח"ו באהאלטן.

ס'איז געווען חצות הלילה. אלעס ארום שלאפט אין א זיסער שלאף, נאר איך בין פארנומען מיט הויכע ענינים. מיין הארץ שפירט זיך דערהויבן. א קליינינגקייט? מיר האבן דערלעבט אזא גרויסע טאג פון פירן א קינד אונטער די חופה! ווי אזוי קען איך גיין שלאפן אין אזא דערהויבענע נאכט?

איך כאפ זיך מיט מיט עטליכע אינגעלייט וועלכע פארן צום כולל חצות אין קבר רחל. מיין הארץ איז אפן. עס גיסט זיך ארויס תפילות, שירות ותשבחות פארן אויבערשטן. אינדערפרי, נאך אן אנגעפולטע נאכט, בין איך אהיימגעקומען און זיך געלייגט שלאפן צו קענען זיין אויסגערוט פארן גרויסן מעמד החתונה.

ווען איך בין אויפגעשטאנען האב איך געזען איבער צען פארפאסטע טעלעפאן קאלס. איינע נאך איינע האב איך צוריקגעקלונגען און געהערט נאר גוטע בשורות. קרובים און גוטע פריינט האבן זיך צאמגענומען צו מקיים זיין די טייערע מצוה פון הכנסת כלה. אין זייער זכות האב איך געקענט שפאנען צו מיין זונ'ס חופה מיט א פרייליכע געמוט. דער זכות זאל זיי אלעמען ביישטיין. מען זאל זוכה זיין צו העלפן אידן נאר אויף שמחות מיט פרייליכע הערצער! טייערע אידן, א שמחה וואס מען ווייקט אויס מיט תפילה האט גאר אן אנדערער באדייט!

# סיפורי מעשיות מעשה ט' - דער חכם און דער תם 3

און דֶער 'תַּם', פְּלֶעגְט אַלֶעמָאל לוֹיפְן, און פְּלֶעגְט קוּמֶען צוּם 'חָכָם', מִיט 'שִׂמְחָה' מִיט 'פְרֵייד'! – און עֶר הָאט אִים אַלְץ גֶעפוּנֶען אִין 'צַעַר' און פוּל מִיט 'יִסוּרִים'!

און עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אַזוֹי אַ [אַזַא] 'חָכָם' און אַזוֹי אַ [אַזַא] 'עוֹשֶׁר' וִוי דוּ בִּיזְט, וָואס הָאסְטוּ אַלְץ 'יִסוּרִים' תָּמִיד?! – פַארְוָואס בִּין אִיךְ תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ"?!

אִיז דָאס בַּיים 'חָכָם' גֶעוֶוען אַ גֶעשְׁפֶּעט! – און עֶר הָאט בַּיי אִים אַ פָּנִים גֶעהַאט פַאר 'מְשׁוּגָע'!

הָאט דֶער 'תַּם' צוּ אִים גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ 'גְלַאטֶע' [פָּשׁוּטֶ'ע] מֶענְטְשְׁן, אַז זֵיי שְׁפֶּעטְן אוֹיס מִיר [מִיר אוֹיס], זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ 'נַעֲרָנִים'! – וָוארְן אַז זֵיי זֶענֶען

שוין קְלוּגֶער פון [קֶעגְן] מִיר, זֶענֶען זֵיי זִיךְ הֶערְשְׁט נַעֲרָנִים [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – מִכָּל־שֶׁכֵּן אַזוֹי אַ [אַזַא] 'חָכָם' ווִי דוּ בִּיזְט, וָואס אִיז אַז דוּ בִּיזְט שוֹין קְלוּגֶער פון מִיר"?!

הָאט זִיךְ דֶער 'תָּם' אָנְגֶערוּפְן, אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם 'חָכָם': "ווִי גִיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף מַיין שְׁטֵייגֶער"?! (כְּלוֹמַר: דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אַ 'תָּם' וֶוערְן).

הָאט דֶער 'חָכָם' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס קֶען גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] זַיין, אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען אוֹיף דַיין שְׁטֵייגֶער! – אַז [אוֹיבּ] גָאט זָאל [וֶועט] בַּיי מִיר דֶעם 'שֵׂכֶל' אַוֶועקְנֶעמֶען חַס־וְשָׁלוֹם – אָדֶער אִיךְ זָאל [וֶועל] חַס־וְשָׁלוֹם קְרַאנְק וֶוערְן, [דַאן] קֶען זַיין אַז אִיךְ זָאל [וֶועל] אוֹיךְ וֶוערְן 'מְשׁוּגָע' – וָוארְן וָואס בִּיזְטוּ דֶען? נָאר 'מְשׁוּגָע'!

נָאר אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף מַיין שְׁטֵייגֶער – דָאס אִיז נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] בְּשׁוּם־אוֹפֶן, אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אַזוֹי אַ [אַזַא] 'חָכָם' ווִי אִיךְ"!

הָאט דֶער 'תָּם' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בַּיי הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ אִיז אַלְץ מֶעגְלִיךְ – [אוּן עֶס] קֶען זַיין כְּהֶרֶף־עַיִן (אַזוֹי־ווִי אַ אוֹיגְנְבְּלִיק) אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען אוֹיף דַיין 'חָכְמָה'"!

הָאט דֶער 'חָכָם' אוֹיס אִים זֵייעֶר גֶעלַאכְט [אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלַאכְט]!

אוּן דִי [דָאזִיגֶע] 'צְווֵיי קִינְדֶער', פְּלֶעגְט דִי וֶועלְט רוּפְן: 'חָכָם' אוּן 'תָּם' – דֶעם הָאבְּן זֵיי גֶערוּפְן: 'חָכָם', אוּן דֶעם הָאבְּן זֵיי גֶערוּפְן: 'תָּם'!

כָאטְשְׁע ס'אִיז פַארְהַאנְדְן אַסַאךְ 'חֲכָמִים' אוּן 'תְּמִים' אוֹיף דֶער וֶועלְט – דָא הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער זֵייעֶר אָנְגֶעזֶעהְן – וָוארְן זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעוֶוען פוּן אֵיין שְׁטָאט, אוּן הָאבְּן אִין אֵיין 'חֵדֶר' גֶעלֶערְנְט – אוּן דֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ ווִילְדֶער 'חָכָם', אוּן דֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער 'תָּם' – (אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאט מֶען זֵיי דִי 'צוּ־נֶעמֶען' גֶעגֶעבְּן, דֶעם 'חָכָם', אוּן דֶעם 'תָּם')!

אוּן אִין דֶער 'סְקַאסְקֶע' [בִּיךְ פוּן אַלֶע אַיינְווּאוֹינֶער], פַארְשְׁרֵייבְּט מֶען זִיךְ אִיטְלֶעכְן מִיט אַ צוּ־נָאמֶען פוּן זַיין 'פַאמִילְיֶע' – הָאט מֶען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דֶעם, דֶעם צוּ־נָאמֶען: 'חָכָם' – אוּן אוֹיף דֶעם: 'תָּם'!

אַמָאל אִיז דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעקוּמֶען, אִיבֶּער [עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעקוּקְט] דֶער 'סְקַאסְקֶע' [בִּיךְ פוּן אַלֶע אַיינְווּאוֹינֶער] – הָאט עֶר גֶעפוּנֶען דִי [דָאזִיגֶע] 'צְווֵיי' [קִינְדֶער], ווִי זֵיי זֶענֶען [גֶעוֶוען דָארְט] פַארְשְׁרִיבְּן, דֶער מִיט דֶעם צוּ־נָאמֶען: 'חָכָם', אוּן דֶער מִיט דֶעם צוּ־נָאמֶען: 'תָּם'!

אִיז דָאס בַּיים 'מֶלֶךְ' גֶעוֶוען אַ ווָאוּנְדֶער, וָואס דִי 'צְווֵיי' הָאבְּן אַזוֹינֶע 'צוּ־נֶעמֶען': 'חָכָם' אוּן 'תָּם'!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' זֵייעֶר גֶעוָואלְט זֵיי זֶעהְן!

הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "אַז אִיךְ וֶועל פְּלוּצִים שִׁיקְן נָאךְ זֵיי אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען פַאר מִיר, וֶועלְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְשְׁרֶעקְן – אוּן דֶער 'חָכָם' וֶועט גָארְנִישְׁט ווִיסְן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן – אוּן דֶער 'תָּם' וֶועט אֶפְשָׁר מְשׁוּגָע וֶוערְן מֵחֲמַת פַּחַד".

הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען דֶער 'מֶלֶךְ': "אַז עֶר זָאל שִׁיקְן אַ 'חָכָם' צוּם 'חָכָם', אוּן אַ 'תָּם' צוּם 'תָּם'"!

נָאר ווִי קְרִיגְט מֶען אִין אַ 'עִיר־מְלוּכָה' אַ 'תָּם'? – וָוארְן אִין אַ 'עִיר־מְלוּכָה' (דְּהַיְינוּ: דִי שְׁטָאט וָואס דֶער 'מֶלֶךְ' זִיצְט), זֶענֶען דָאס רוֹב 'חֲכָמִים'.

נָאר דֶער וָואס עֶר אִיז אַ 'מְמוּנֶה' [אוֹיפְזֶעהְער] אִיבֶּער דִי 'אוֹצְרוֹת', עֶר אִיז דַוְוקָא אַ 'תָּם'! – וָוארְן אַ 'חָכָם' ווִיל מֶען נִישְׁט מַאכְן פַאר קַיין 'מְמוּנֶה' [אוֹיפְזֶעהְער] אִיבֶּער דִי 'אוֹצְרוֹת' – וָוארְן טָאמֶער דוּרְךְ זַיין 'חָכְמָה' מִיט זַיין 'שֵׂכֶל', וֶועט עֶר אוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי 'אוֹצְרוֹת' – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] מַאכְט מֶען אַ 'מְמוּנֶה' אִיבֶּער דִי 'אוֹצְרוֹת', אַ 'תָּם' דַוְוקָא!

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶערוּפְן אַ 'חָכָם' – אוּן [אוֹיךְ גֶערוּפְן]

דֶעם 'תָּם' (וָואס עֶר אִיז אַ 'מְמוּנֶה' אִיבֶּער דִי 'אוֹצְרוֹת') – אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט צוּ דִי 'צְוֵויי' (דְהַיְינוּ: צוּם 'חָכָם', אוּן צוּם 'תָּם') – אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן 'בְּרִיווּ', צוּ אִיטְלֶעכְן בַּאזוּנְדֶער!

אוּן עֶר הָאט זֵיי נָאךְ 'בְּרִיווּ' גֶעגֶעבְּן – צוּם 'גַאבִּירְנֶער' [גוּבֶּערְנַאטָאר; הוֹיפְּט] פוּן דֶער 'גַאבֶּערְנְיֶע' [מֶמְשָׁלָה פוּן יֶענֶעם פְּרָאוִוינְץ-גְלִילוֹת] – וָואס דִי [דָאזִיגֶע] 'צְוֵויי' [קִינְדֶער], דְהַיְינוּ: דֶער 'חָכָם' מִיט דֶעם 'תָּם', זֶענֶען אוּנְטֶער אִים!

אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעהֵייסְן אִין דֶעם 'בְּרִיווּ' [צוּם 'גַאבִּירְנֶער']: "אַז דֶער 'גַאבִּירְנֶער' זָאל זֵיי שִׁיקְן 'בְּרִיווּ' פוּן זַיינֶעטְוֶועגְן, צוּם 'חָכָם' אוּן צוּם 'תָּם'! – כְּדֵי אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן!

אוּן עֶר זָאל זֵיי שְׁרֵייבְּן: אַז דִי זַאךְ אִיז נִישְׁט נֵייטִיג [וִויכְטִיג], אוּן דֶער 'מֶלֶךְ' אִיז נִישְׁט גוֹזֵר דַוְוקָא אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען – נָאר סְ'אִיז בַּיי זֵיי דִי בְּרֵירָה, אַז [אוֹיבּ] זֵיי ווִילְן זָאלְן זֵיי קוּמֶען – נָאר דֶער 'מֶלֶךְ' ווִיל זֵיי זֶעהְן"!

זֶענֶען גֶעפָאְרן דִי 'שְׁלוּחִים', דֶער 'חָכָם' מִיט דֶעם 'תָּם' – אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם 'גַאבִּירְנֶער', אוּן הָאבְּן אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן דִי 'בְּרִיווּ'!

הָאט [זִיךְ] דֶער 'גַאבִּירְנֶער' נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף דִי 'צְוֵויי קִינְדֶער'! – הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אַז דֶער 'חָכָם', אִיז אַ ווִילְדֶער 'חָכָם', אוּן אַ גְרוֹיסֶער 'עוֹשֶׁר'! – אוּן דֶער 'תָּם', אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער 'תָּם', אוּן עֶר הָאט אַלֶע עֶרְלֵייא 'מַלְבּוּשִׁים' פוּן דֶעם 'פֶּעלְץ', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"!

הָאט זִיךְ דֶער 'גַאבִּירְנֶער' מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "סְ'אִיז בְּוַודַאי נִישְׁט שֵׁיין, אַז מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען [דֶעם 'תָּם'] פַאר דֶעם 'מֶלֶךְ' אִין אַ 'פֶּעלְץ'"!

הָאט עֶר אִים גֶעמַאכְט 'קְלֵיידֶער' אַזוֹי-ווִי סֶע [עֶס] קֶער צוּ זַיין – אוּן הָאט [דָאס] אַרֵיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶער 'קַארֶעטֶע' [פַּארְמַאכְטֶע וָואגְן] פוּן דֶעם 'תָּם'! וּן עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן 'בְּרִיווּ', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

זֶענֶען דִי 'שְׁלוּחִים' גֶעפָאְרן, אוּן זֵיי זֶענֶען צוּ זֵיי גֶעקוּמֶען! – אוּן הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעגֶעבְּן דִי 'בְּרִיווּ'! – דֶער 'חָכָם' הָאט אָפְּגֶעגֶעבְּן צוּם 'חָכָם', אוּן דֶער 'תָּם' צוּם 'תָּם'!

אוּן דֶער 'תָּם' – תֵּיכֶּף ווִי מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן דֶעם 'בְּרִיווּ' – הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶעם 'שָׁלִיחַ' (וָואס עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ 'תָּם', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) וָואס עֶר הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] דֶעם 'בְּרִיווּ': "אִיךְ ווֵייס זִיךְ נִישְׁט וָואס אִין דֶעם 'בְּרִיווּ' שְׁטֵייט, לֵיין אִים פַאר מִיר"!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן אוֹיסְנְוֵוינִיג וָואס אִין אִים שְׁטֵייט! – דֶער 'מֶלֶךְ' ווִיל, אַז דוּ זָאלְסְט צוּ אִים קוּמֶען"!

הָאט עֶר תֵּיכֶּף גֶעפְרֶעגְט: "נָאר אָן לֵיצָנוּת"?! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "סְ'אִיז אַוַודַאי אֱמֶת 'אָן לֵיצָנוּת'"!

אִיז עֶר תֵּיכֶּף 'מָלֵא שִׂמְחָה' גֶעוָוארְן, אוּן אִיז גֶעלָאפְן, אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם וַוייבּ: "מַיין וַוייבּ! דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט נָאךְ מִיר גֶעשִׁיקְט"!

הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָאס? נָאךְ וָואס הָאט עֶר נָאךְ דִיר גֶעשִׁיקְט"?! הָאט עֶר גָאר קֵיין צַייט נִישְׁט גֶעהַאט עֶר זָאל אִיר עֶפֶּעס עֶנְטְפֶערְן.

אוּן הָאט זִיךְ תֵּיכֶּף מְזָרֵז גֶעוֶוען מִיט 'שִׂמְחָה', אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִיךְ אַרֵיינְגֶעזֶעצְט אִין דֶער 'קַארֶעטֶע' [פַּארְמַאכְטֶע וָואגְן] עֶר זָאל פָאְרן מִיט דֶעם 'שָׁלִיחַ'!

דֶערְוַוייל הָאט עֶר דָארְט דֶערְזֶעהְן: דִי 'קְלֵיידֶער' (וָואס דֶער 'גַאבִּירְנֶער' הָאט גֶעמַאכְט פוּן זַיינֶעטְוֶועגְן אוּן הָאט אַרֵיינְגֶעלֵייגְט אִין זַיין קַארֶעטֶע, כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])! – הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ מֶער גֶעפְרֵיידְט: "עֶר הָאט שׁוֹין קְלֵיידֶער אוֹיךְ"! אוּן אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען!

בס"ד

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (4)

**א. וואס האט דער תם געענטפערט פארן חכם, ווען ער האט אים געזאגט: "דו קענסט בשום אופן נישט ווערן אזוי א חכם ווי מיר"?**

- ❑ ביי השם יתברך איז אלעס מעגליך.
- ❑ ער האט מודה געווען צו אים.
- ❑ אים בכלל נישט געענטפערט.

**ב. וואס איז געווען א וואונדער ביים מלך?**

- ❑ אז עס איז דא אסאך מענטשן אין זיין מדינה.
- ❑ אז די צוויי מענטשן האבן אזעלכע נעמען "חכם און תם".
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ג. וועמען האט דער מלך געשיקט צו רופן דער תם?**

- ❑ א תם.
- ❑ דער ממונה איבער די אוצרות.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ד. דער מלך האט באפוילן אז דער חכם און תם זאלן קומען צו אים אדער נישט?**

- ❑ דער מלך האט שטרענג באפוילן זיי זאלן קומען.
- ❑ דער זאך ווענדעט זיך לויט זייער ווילן.
- ❑ פארן חכם האט ער שטרענג באפוילן צו קומען צו אים, און פארן תם נאר אויב ער וויל.

**ה. וואס האט מען געזאגט פארן גאבירניר אויפן חכם?**

- ❑ אז ער איז א ווילדער חכם און א גרויסער עושר.
- ❑ אז ער איז א ווילדער חכם און א גרויסער דאקטער.
- ❑ אז ער איז א גרויסער תלמיד חכם

**ו. וואס האט דער תם געזאגט ווען דער שליח פון קעניג איז געקומען?**

- ❑ ער האט געזאגט צו זיין ווייב "דער מלך האט נאך מיר געשיקט".
- ❑ געפרעגט נאר אן ליצנות.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז. וואס לערנסטו זיך דערווייל פון די מעשה?**

- ❑ אז ווען דער מלך רופט קומט מען גלייך.
- ❑ ווען דער מלך רופט קומט מען נאר מיט ישוב הדעת.
- ❑ ________________________________.

**ח. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק

### איבער'חזר'ן

**וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה "תם"?**

**ווער פלעגט לויפן?** **ווער האט זיך מיישב געווען?** **ווער איז געפארן?**

**ווער האט אויס געלאכט?** **ווער איז זייער פריילעך געווען?**



**תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם (3)**

**וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה אז דער חכם האט געהאט יסורים? 10**

**געוויינער אויף פרשת וארא איז משפחת ר. ווייסשטיין, ירושלים**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגייין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

דֶער רֶבִּי ז"ל הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מָשָׁל אויף דֶעם עִנְיָן וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, ווִי פָּאלְגְנְד:

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר וֶועלְכֶער הָאט פַארְמָאגְט טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער גֶעלְטֶער, הָאט דֶער עוֹשֶׁר בַּאפוֹילְן אוּן גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס דַארְף בָּארְגְן גֶעלְט זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוּן עֶר וֶועט אִים בָּארְגְן. וַוארְשַׁיינְלִיךְ הָאבְּן זִיךְ אַסַאךְ אַרוֹיפְגֶעכַאפְּט אוֹיפְ'ן מְצִיאָה, אוּן עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן גֶעבָּארְגְט בַּיי אִים גֶעלְט.

דֶער עוֹשֶׁר הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אַ בִּיכְל וואוּ עֶר הָאט אַלֶץ פַארְשְׁרִיבְּן (וֶוער עֶס הָאט גֶעבָּארְגְט גֶעלְט אוּן וויפִיל). אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶענוּמֶען דָאס בִּיכְל אִין הַאנְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּקְן דֶערִין, אוּן גֶעזֶען אַז עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶעגֶעבְּן זַייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט פַאר דִי אַלֶע הַלְוָואוֹת, אָבֶּער קֵיינֶער נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט צוּם הַארְצְן צוּרִיקְצוּגֶעבְּן אוּן אָפְּצָאלְן וָואס מֶען הָאט גֶעבָּארְגְט. מִסְתָּמָא הָאט אִים דִי זַאךְ דֶערְצֶערְנְט אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט דֶערְפוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ.

צְווִישְׁן דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעבָּארְגְט אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַ מֶענְטְשׁ וֶועלְכֶער הָאט אוֹיךְ גֶעבָּארְגְט גֶעלְט בַּיי דֶעם דָאזִיגְן עוֹשֶׁר, אָבֶּער עֶר הָאט דֶערְלֵייגְט אוּן פַארְלוֹירְן דָאס גֶעלְט בַּיי אַ נִישְׁט גֶעלוּנְגֶענֶעם גֶעשֶׁעפְט, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס אָפְּצוּגֶעבְּן זַיין חוֹב. הָאט עֶר גֶעהַאט דֶערְפוּן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים, (ד.מ. דֶער

## דֶער עוֹשֶׁר מִיטְן בַּעַל חוֹב

אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן זַיין חוֹב), הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵׁב גֶעוֶוען אַז נָאךְ אַלֶעס דַארְף עֶר זִיךְ כָאטְשׁ בַּאוַוייזְן פַארְן עוֹשֶׁר, אַרָאפְּקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ, אַז עֶר אִיז אַן אוֹנֶס וְכוּ'.

אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם עוֹשֶׁר אוּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיפְן הַארְץ, אַז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען בַּיי אִים אַ הַלְוָאָה פוּן גֶעלְט אוּן עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דִי צַייט אָפְּצוּגֶעבְּן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט פוּן וואוּ צוּ צָאלְן וַוייל עֶר הָאט דֶערְלֵייגְט דָאס גֶעלְט, אוּן טְרֶעפְט זִיךְ נִישְׁט קֵיין עֵצָה וָואס צוּ טוּן, הָאט דֶער עוֹשֶׁר גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס אַרְט מִיר דַיין בִּיסְל גֶעלְט וָואס דוּ קוּמְסְט מִיר אוֹיב דוּ וֶועסְט מִיר עֶס אָפְּגֶעבְּן צִי נִישְׁט, אַנְטְקֶעגְן דִי רִיזִיגֶע סוּמֶע גֶעלְט פוּן אַלֶע הַלְוָואוֹת צוּזַאמֶען וֶועלְכֶע דֶערְגְרֵייכְן אִינְאֵיינֶעם צוּ אֲלָפִים אוּן רְבָבוֹת. דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ פוּן דִיר בֶּעסֶער דוּ זָאלְסְט אַרוּמְגֵיין בַּיי דִי אַלֶע וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעבָּארְגְט בַּיי מִיר גֶעלְט, אוּן עֶס אַיינְמָאנֶען בַּיי זֵיי. זָאלְסְט זֵיי דֶערְמַאנֶען אַז זֵיי קוּמֶען מִיר אַזוֹיפִיל גֶעלְט, אוּן פַארְוָואס קוּמֶען זֵיי עֶס נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן, אוּן אֲפִילוּ זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אָפְּגֶעבְּן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט אָפְּצָאלְן בְּלוֹיז אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן זַיין חוֹב, וֶועט עֶס אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּ טוֹיזְנְט אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְט מָאל מֶער פוּן דַיין גַאנְצֶע הַלְוָאָה אוּן חוֹב.

אוּן דֶער נִמְשָׁל אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיג. וְהָבֵן.

(חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תמ"ז)